**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/11/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט סטעיט אינוועסטירונג אין טעכנאלאגיע פירמע RIPPLING'ס אויסברייטערונג אין לאָווער מאנהעטן צו ארויסלאזן 29 מיליאן דאלאר אין פארשונג און אנטוויקלונג פינאנצירונג**

***3.5 מיליאן דאלאר אין רעזולטאטן-אנגעוואנדענע 'עקסעלסיאָר דזשאב' טעקס קרעדיטס וועלן העלפן Rippling טריפלען זייער יעצטיגע אנוועזנהייט אין ניו יארק סיטי — שאפנדיג 390 נייע דזשאבס***

***בויט ארויף אויף גאווערנער האקול'ס סטעיט אָוו די סטעיט פארשלאג צו שטופן פאר די וואוקס פון ארטיפישעל אינטעלידזשענס אין ניו יארק סטעיט***

***שטיצט אויף גאווערנער'ס פארפליכטונג צו טרייבן פאר ערפינדונג אריבער ניו יארק סטעיט און צו בויען א 21'סטע-יאר-הונדערט עקאנאמיע***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די סאן פרענסיסקא באזירטע פירמע, Rippling, אן נייע סארט ארבעטסקראפט מענעדזשמענט פלאטפארמע, וועט אויסברייטערן זייערע אפעראציעס אין ניו יארק סיטי דריי מאל אזויפיל ווי פאראויס, שאפנדיג 390 נייע דזשאבס און ערמעגליכנדיג א 29 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין ניו יארק-באזירטע פארשונג און אנטוויקלונג אין לויף פון די קומענדיגע 10 יאר. די פירמע – וואס וועט אויפנעמען 69,000 סקווער פיס אויף די 59'סטע און 60'סטע שטאקן פון וועלט האנדל צענטער געביידע 4 – ברייטערט אויס זייערע אפעראציעס צו איינשפאנען ניו יארק סיטי'ס אויסערגעווענטליכע און טאלאנטפולע ארבעטסקראפט און צו בענעפיטירן פון איר פירערשאפט אין די טעכנאלאגישע און פארגעשריטענע ערפינדונגען עקאנאמיע, טרייבנדיג ווייטערע וואוקס דורך באדייטנדע אינוועסטירונגען אין פארשונג און אנטוויקלונג. Rippling'ס אויסברייטערונג אין ניו יארק סיטי בויט ארויף אויף גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו צוציהען ערפינדנדע ביזנעסער צו ניו יארק סטעיט, צו בויען א 21'סטע-יאר-הונדערט עקאנאמיע און צו שאפן גוטע דזשאבס פאר ניו יארקער.

"ניו יארק אינוועסטירט אין פארגעשריטענע ביזנעסער ווי Rippling וועלכע טרייבן פאר וואוקס אין נייע אינדוסטריעס, שאפנדיג גוטע דזשאבס פאר ניו יארקער און פארזיכערנדיג די עקאנאמישע צוקונפט פון אונזער סטעיט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "Rippling'ס צוזאג צו טריפלען זייער אנוועזנהייט דא און צו אינוועסטירן מיליאנען אין לויף פון די קומענדיגע צאן יאר צו שטיצן פארשונג און אנטוויקלונג איז א באווייז אז אנזערע באמיאונגען ארבעטן, און מיין אדמיניסטראציע וועט פארזעצן צו שטיצן די אינדוסטריע פירער וועמען'ס דורכברעכנדע טעכנאלאגיעס אין AI און אנדערע פעלדער וועלן שטופן אונזער עקאנאמיע אויף פאראויס."

Rippling האט זיך אונטערגענומען צו שאפן צום ווייניגסטנס 390 נייע דזשאבס אין זייערע מארקעטינג, פינאנץ, לעגאלע, סעילס, אפעראציעס און אינדזשענירונג מאנשאפטן, בשעת'ן ווייטער אויפהאלטן 173

עקזיסטירנדע פול-טיים ארבייטער, ווערנדיג געשטיצט מיט ביז אזויפיל ווי 3.5 מיליאן דאלאר אין עקסעלסיאר דזשאבס פראגראם טעקס קרעדיטס וועלכע ווערן געגעבן דורך די עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD) לויט די רעזולטאטן וואס די פירמע ברענגט. די אויסברייטערונג ערמעגליכט אויך Rippling צו אינוועסטירן מער פון 29 מיליאן דאלאר אין פארשונג און אנטוויקלונג שפענדונג אין ניו יארק סטעיט אין לויף פון 10 יאר צו בויען נייע פראדוקטן און צו פאראויס שטופן איר מארקעט-פירנדע שפענדונג מענעדזשמענט פלאטפארמע וואס העלפט פירמעס האלטן חשבון פון זייערע אויסגאבן אויף א גלאטערע וועג.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָפּ נייט, האט געזאגט,** "אינוועסטירן אין הויכע-וואוקס פירמעס ווי Rippling פארשטערקערט ניו יארק'ס רעפוטאציע אלס א גלאבאלע טעכנאלאגישע צענטער, אויפטרייבנדיג ערפינדונג און שאפנדיג שיין-באצאלטע דזשאבס. די ESD איז באגייסטערט ביז גאר צו שטיצן Rippling'ס אויסברייטערונג אלס טייל פון אונזערע אנגייענדע באמיאונגען צו פלעגן א בליהענדע 21-יאר-הונדערט עקאנאמישע לאנדשאפט. דורכן נערן די מארגנדיגע אינדוסטריעס היינט, עפענען מיר אויף פארשפרעכנדע צוקונפטן און מיר טרייבן אינקלוסיווע בליהאונג פאר אלע ניו יארקער."

**קא-גרונדער און CEO פון Rippling, פארקער קאנרעד, האט געזאגט,** "Rippling גיבט פאר ביזנעסער איין פלאץ וואו זיי קענען אנפירן HR, IT און פינאנץ, צוזאמברענגענדיג אלע ארבעטסקראפט סיסטעמען וואס זענען געווענטליך צושפרייט אריבער א פירמע, ווי צום ביישפיל די געהאלטן פאר די ארבייטער, אויסגאבן, בענעפיטן און קאמפיוטערס. דורכן צוזאמשטעלן אלע פון א פירמע'ס ארבעטער אינפארמאציע און כלים אין איין סיסטעם, ערמעגליכט Rippling פאר אונזערע קליענטן צו ערגרייכן זייערע ציהלן שנעלער און מער ווירקזאם. מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער האקול'ס פירערשאפט אזוי ווי מיר פארגרעסערן די מאנשאפט צו שטיצן אונזער אויסברייטערנדע ביזנעס. וועלט האנדל צענטער געביידע 4 איז די פאסיגסטע לאקאציע אזוי ווי מיר ברייטערן אויס אונזער אנוועזנהייט אין ניו יארק סיטי."

**Tech:NYC פרעזידענט און CEO, דזשולי סעמיועלס, האט געזאגט,** "Rippling'ס אויסברייטערונג און ארבייטער רעקרוטירונג פלענער באשטעטיגן דאס וואס צענדליגע טויזנטע אנדערע טעכנאלאגישע פירמעס ווייסן: ניו יארק סיטי איז איינס פון די מערסטע אטראקטיווע פלעצער אין די וועלט צו בויען און פארגרעסערן א טעכנאלאגישע פירמע. די טעכנאלאגישע אינדוסטריע בלייבט פארפליכטעט צו טרייבן דעם ראיאן'ס עקאנאמיע, און מיר זענען באגייסטערט ביז גאר אז פירנדע ערפינדער ווי Rippling וועהלן אויס ניו יארק צו שאפן דזשאבס, אויפנעמען די בעסטע טאלאנטן און ווייטער באפעסטיגן די סיטי'ס פאזיציע אלס א גלאבאלע צענטער פאר ערפינדונג."

געגרונדעט אין 2016, מאכט דאס Rippling גרינגער זיך צו אפגעבן מיט ארבייטער פארוואלטונג, אינפארמאציע טעכנאלאגיע און פינאנץ אויף איין פאראייניגטע פלאטפארמע וואס ווערט ספעציעל צוגעפאסט פאר ביזנעסער מיט 2 ביז איבער 2000 ארבייטער, אריינרעכענענדיג דורך די באנוץ מיט ארטיפישעל אינטעלידזשענס. Rippling שטעלט צוזאם ארבעטער פארוואלטונג אין איין איינצלנדע סיסטעם דורכן צענטראליזירן די באצאלונג פון געהאלטן, בענעפיטן, פארוואלטונג פון קאמפיוטערס און נאך. די צוזאמשטעלונג פון די זאכן אויף איין פלאץ ערמעגליכט א גלאטע און געשווינדע פראצעדור פון ארויפברענגען נייע ארבייטער — ערלויבנדיג פירמעס צו אויסשטעלן די געהאלטן באצאלונג, ביזנעס קרעדיט קארטלעך, מאשינען און עפּס פאר ניי-אויפגענומענע ארבייטער אין מינוטן. מיט איר אויסברייטערונג אין ניו יארק סיטי וואס איז פלאנירט צו אקאמאדירן נאך הונדערטע אויפגענומענע ארבייטער, וועט Rippling אויסנוצן זייער גרעסערע אנוועזנהייט צו נאכיאגן מיט די שנעל וואקסנדע פארלאנג בשעת'ן אנטוויקלען אן ארבעט'ס אטמאספערע וואו מענטשן קומען פיזיש אראפ ארבעטן.

די פירמע'ס אויסברייטערונג אין ניו יארק ערגענצט גאווערנער האקול'ס 'סטעיט אָוו די סטעיט' פארשלאג צו פארזיכערן ניו יארק'ס פלאץ אויף די סאמע פראנט פון די ארטיפישעל אינטעלידזשענס דורכברוך. די גאווערנער האט אנאנסירט דאס אוועקשטעלונג פון Empire AI, א גרופע וואס וועט אוועקשטעלן און עפענען אן ערשט-קלאסיגע ארטיפישעל אינטעלידזשענס קאמפיוטער צענטער אין אפסטעיט ניו יארק צו גענוצט ווערן דורך ניו יארק'ס פירנדע אינסטיטוציעס צו שטופן פאר פאראנטווארטליכע פארשונג און אנטוויקלונג, שאפן דזשאבס און עפענען AI געלעגנהייטן קאנצענטרירט אויף די טובה פון די פובליקום.

עס שפיגלט אפ איינס פון עטליכע פארגעשריטענע פירמעס וואס ביישטייערן צו די פארשנעלערונג פון ניו יארק סיטי'ס ערפינדונגען עקאנאמיע אונטער גאווערנער האקול. צוזאמען מיט ניו יארק סיטי מעיאר עריק עדעמס, האט גאווערנער האקול אנאנסירט פארשריט אויף SPARC קיפּס בעי, א ביאלאגישע וויסנשאפט קאריערע און בילדונג צענטער – די ערשטע פון די סארט – וואס וועט זיין א צענטער פאר די אינדוסטריע אין ניו יארק; זי האט געעפנט די 700 מיליאן דאלארדיגע ערשט-קלאסיגע Taystee לאבארעטאריע געביידע און 9 מיליאן דאלארדיגע אויסברייטערונג פון Harlem Biospace אין וועסט הארלעם; אנאנסירט o'Schrödinger, Inc 7.6 מיליאן דאלארדיגע אויסברייטערונג אין טיימס סקווער; די 3 מיליאן דאלארדיגע אויסברייטערונג פון קאמוניקאציעס פירמע MetTel און די אויסוואהל פון ניו יארק סיטי אלס די צוקונפטיגע היים פון די 300 מיליאן דאלארדיגע Chan Zuckerberg Initiative Biohub.

גאווערנער האקול איז פארפליכטעט צו טרייבן פאר ערפינדונג אין ניו יארק סטעיט, און זי האט אנאנסירט עטליכע לעצטערע אינוועסטירונגען און שותפות'ן צו פלעגן ביזנעסער פון דעם קומענדיגן דור אריבער די סטעיט. גאווערנער האקול האט אנאנסירט א טראנספארמאטיווע 100 ביליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג פון Micron צו אויפבויען א 'מעגאפעב' פאבריק נעבן סירעקיוס און די ערשטע עפנטליכע High NA EUV Lithography Center אין צפון אמעריקע ביי די Albany Nanotech Complex. די גאווערנער האט אויך געמאכט פיאנירנדע אינוועסטירונגען אין פעלדער ווי ביאלאגישע וויסנשאפט, אריינרעכענענדיג צוויי צעלן און גענעטישע היילונגען צענטערן אין באפעלאו און אין לאנג איילענד און די סטעיט'ס 50 מיליאן דאלארדיגע לאבארעטאריע פון די צוקונפט (Lab of the Future) פאר ערשטיגע שטאפלען פון טרעפן נייע מעדיצינען, און אזוי אויך שטיצע פאר פראיעקטן אריבער די סטעיט ווי OWL AI אין דעם פינגער לעיקס ראיאן, TTM Technologies אין די סאוטערן טיער, JMA Wireless אין צענטראל ניו יארק און SeeQC אין דעם מיד-האדסאן ראיאן. די געציהלטע אינוועסטירונגען – און פילע אנדערע אריבער די סטעיט – האבן געשפילט א הויפט ראלע ביים אוועקשטעלן ניו יארק סטעיט אלס א גלאבאלע באקאנטע טעכנאלאגישע צענטער, טרייבנדיג אנגייענדע עקאנאמישע וואוקס און שאפנדיג שיין-באצאלטע דזשאבס פאר די צוקונפט.

###